עליע קאהאן

# א לעבעדיק געזינדל



MICROFORM

קינדער־פארלאג באם צ.ק. ל.ק.י.ו.פ.א.ו.

13/4387

א מתנה אין נאמען פון
מנחם ברוך חיים פישמאן

13/4387
01-B3688
אננא זארעצקי
פריוואט - ביבליאטעק

עליע קאהאן

# א לעבעדיקן געזינדל

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
אין פרעסע ארכיוו

קינדער־פארלאג באם צ.ק. ל.ק.י.פ.או.
כארקאָוו 1937 אָדעס

Printed in Soviet Union

YIVO Institute

רעדאקטאָר — אי. גרינזײַד
געמעלן פון קינסטלער ב ע - ש א.
טעכנישער — יא. אַלמאַן
קאָרעקטאָר — ל. הילער

# א לעבעדיק געזינדל

דער טאטע הייסט זיאמע, און די מאמע הייסט זלאטע. אז די קינדער ווילן זינגען, דרייען זיי איבער די נעמען, און עס גייט בא זיי ארויס פונקט פארקערט:

טאטע זיאמע
מאמע זלאטע,
טאטע זלאטע,
מאמע זיאמע.

און די קינדער טראכטן, אז די מאמע וואָלט גאָר גע־דארפט הייסן זיאמע, וואָרעם זי איז דער גאנצער טאטע אין שטוב. ערשטנס, טראָגט גאָר די מאמע ברילן, און צווייטנס — מוזן זי אלע פּאָלגן, אפילע דער טאטע מוז זי פּאָלגן. דער טאטע האָט זיך אין קאָפּ זיין דערפינדונג. ער ארבעט אין א פאבריק פון שפּילעכלעך, וויל ער אויס־טראכטן א ליאלקע, וואָס זאָל גיין, ווי א מענטש. אז ער עסט, גיסט זיך בא אים אויס דער זופּ פונעם לעפל, ווייל ער טראכט וועגן זיין ליאלקע. באנאכט רעדט ער פון



שלאָפּ, ווײַל עס כאָלעמט זיכ אימ זײַנ ליאַלקע. אז ער גייט אהיימ, פארבלאָנדזעט ער אזש אפ דער צענטער גאס, ווײַל ער טראכט פונ זײַנ ליאַלקע. ער האָט איינמאָל ארײַנגעשאָטנ דעמ טאבּאק אינ טשײַניק, אונ די טיי אָנגעשטאָפּט אינ ליול־קע—ווײַל ער האלט אינ איינ טראכטנ וועגנ זײַנ ליאַלקע.

אזא איז דער טאטע. די האָר האלטנ זיכ ניט בּא אימ אפנ קאָפּ פונ אסאכ טראכטנ. די מאמע זאָגט, אז אויב ער וועט אזוי טראכטנ נאָכ א פּאָר כאדאָשימ, וועלנ די געדאנקענ נעמענ שפּארנ בּא אימ פונ די אויערנ, פונ די פּיאטעס אונ פונ די קעשענעס.



די מאמע וויל ניט, ער זאָל אזוי־פיל טראכטנ. א פארטראכטער מענטש קאָנ קיינ שלאָגלער ניט זײַנ,—זאָגט זי. אסאכ ארבּעטער האָט מענ פּרעמירט צומ ערשטנ מײַ, אונ דעמ טאטנ ניט, ווײַל קיי־נער ווייסט ניט, וועגנ וואָס ער טראכט. וואָלט מענ געוווּסט, אז ער טראכט וועגנ א גייענדיקער ליאַלקע,



וואָלט מען אים, געוויס, פּרעמירט. ווייסט אָבער קיינער ניט.

די מאמע האָלט שטענדיק אין איין רעדן וועגן טאטן:

— אז א מענטש זאָל שטענדיק האַלטן אין איין טראַכטן און טראַכטן, טראַכטן און טראַכטן.

און אזוי פאַרטומלט זי די גאַנ־צע שטוב, ווײַל אזוי ריידנדיק וועגן טראַכטן און טראַכטן, דוכט זיך, אז זי שיסט מיטן מויל:

— טראַך ־ טאַך ־ טאַך, טראַך ־ טאַך ־ טאַך.



די מאמע האַלט ניט שטאַרק פונעם טאטן דערפאַר, ווײַל ער האַלט שטענדיק אין איין טראַכטן. די עלטערע שוועס־טער ניוניע האַלט ניט שטאַרק פון דער מאמען דערפאַר, וואָס זי האַלט ניט פון טאטן. דער מיטלער ברודער סיאָמע האַלט ניט פון דער עלטערער שוועס־טער דערפאַר, וואָס זי האַלט ניט שטאַרק פון דער מאמען. ער האַלט, אז די מאמע איז גערעכט. דאָס קליינע שוועסטערל מײַע האַלט ניט פון מיטלען ברודער דערפאַר, ווײַל ער האַלט ניט פון דער

עלטערער שוועסטער. הערט ניט די מאמע, וואָס דער טאַטע רעדט; הערט ניט די עלטערע שוועסטער, וואָס די מאמע רעדט; הערט ניט דער מיטעלער ברודער, וואָס די עלטערע שוועסטער רעדט; הערט ניט דאָס קליינע שוועסטערל, וואָס דער מיטעלער ברודער רעדט, פאָלגט ניט די ליאַלקע די קליינע שוועסטער מייַעטשקען. מייַעטשקע וויל, אַז זי זאָל גיין, די ליאַלקע, און די ליאַלקע וויל ניט גיין. וויינט זי דערפאַר, מייַעטשקע.

זאָגט דער טאַטע:

— וויין ניט, מייַעטשקע, איך וועל אײַנגיכן אויסטראַכטן אַזאַ ליאַלקע, וואָס וועט גיין, ווי אַ מענטש, און די אויגן וועט זי עפענען און פאַרמאַכן, און זי וועט זייַן די שענסטע פון אַלע ליאַלקעס אַף דער וועלט, פון אַלע ליאַלקעס, וואָס זייַנען געווען אין פאַרשיידענע צייַטן און לענדער.

זאָגט די מאמע:

— דו וועסט פינף פאָר שיך צערייַסן, איידער דו וועסט מאַכן אַזאַ ליאַלקע; גיכער וועט זיך דער הימל אוועקלייגן אַף דער ערד, איידער דו וועסט מאַכן אַזאַ ליאַלקע. טאַנצט דען אַ בעזעמ, קרייט דען אַ קאָטשערע, רירט זיך אַ וואַנט? — אָט אַזוי וועט זיך רירן דייַן ליאַלקע. טראַכסט און טראַכסט, טראַכסט און טראַכסט, טראַכסט און טראַכסט.

זאָגט די עלטערע שוועסטער:

— מאַמע, דו האָסט שוין אָנגעהויבן דייַן טראַכ־טראַכ־טראַכ. אַז דער טאַטע טראַכט אַזויפיל, וועט ער עס יאָ מאַכן.

זאָגט דער מיטעלער ברודער:

— ס'הייבט זיך שוין אָן! אז די מאמע זאָגט, אז דער טאטע וועט ניט מאכן, וועט ער עס ניט מאכן.

זאָגט די ייִנגערע שוועסטער:

— דער טאטע וועט יאָ מאכן, אז די ליאַלקע זאָל יאָ גיין. איר הערט, איך וויל, אז די ליאַלקע זאָל גיין, אז די ליאַלקע זאָל גיין וויל איך. גיין זאָל, וויל איך, די ליאַלקע!

און די ליאַלקע שווייַגט, רירט זיך ניט פון אָרט. פאָלגט ניט.

און מייַעטשקע וויינט זיך פאַנאַנדער.

נעמט די מאמע זינגען א ליד, אז מייַעטשקע זאָל ניט וויינען. אז די מאמע זינגט, דוכט זיך, אז אַלע פייגעלעך זינגען. אז די מאמע זינגט, ווערט ליכטיק אין אַלע ווינקע־לעך. אז די מאמע זינגט, ווערן בא אַלעמען אזעלכע גוטע הערצער, און די מאמע קוקט דאַן מיט גוטע אויגן אפן טאטן, די גרעסערע שוועסטער — אפ דער מאמען, דער ברודער — אפ דער שוועסטער, מייַעטשקע — אפן ברודער, די ליאַלקע — אפ מייַעטשקען.

אז זי ענדיקט זינגען, זאָגט דער טאטע צו דער מאמען:

— דו זינגסט אזוי גוט, אז עס כאַפּט אָן באַם הארצן. דו וואָלסט געדאַרפט אָנקומען אהין, ווו מע זינגט, — אין קאָנסערוואטאָריע, וואָלט פון דיר ארויס א גרויסע זינגערן, און דאָס גאַנצע לאַנד וואָלט דיך געהערט דורך ראַדיאָ.

זאָגט די מאמע:

— זיאמע, דו ביסט אזוי פארטראַכט אין דייַנע ליאַלקעס, אז דו ווייסט ניט אפ וועלכער וועלט דו ביסט. איך קאָן פון שטוב ניט אָפּטרעטן, ווייַל דו ביסט שטענדיק פאר־

כאָלעמט, און אפ דיר קאָן מען די קינדער ניט לאָזן. שלאָג זיך ארויס פון קאָפּ די ליאלקעס, וועל איך זיך גיין לער־נען זינגען.

נאָר דער טאטע טראכט שוין ווידער און ענטפערט ניט. זאָגט די מאמע צו דער עלטערער שוועסטער:

— דו מאָלסט אזוי שיין, דו מאָלסט שוין א פּאָר כאדאָ־שים א בּילד פון ווינטער און דו ענדיקסט עס אלץ ניט, וואָלסט עס שוין געדארפט ענדיקן.

זאָגט די שוועסטער:

— אז שטענדיק הער איך פון דיר נאָר טראכ־טראכ. קעדיי צו מאָלן, דארף זייַן שטיל. איך דארף אָנמאָלן א שטילן שניי און שטילע בּיימער. און דאָ איז אזא טומל.

דערנאָך זאָגט די שוועסטער צום מיטעלען בּרודער:

— פארוואָס איז בּא דיר אלץ אפ „בּאפרידיקט", וואָלסט געקאָנט האָבּן „גוט".

זאָגט דער מיטעלער בּרודער:

— אז אין שטוב איז טראכ־טראכ, א טומל. שווער צו גרייטן די לעקציעס.

זאָגט דער מיטעלער בּרודער צו מייַעטשקען:

— פארוואָס וויינסטו קעסיידער? שטענדיק וויינסטו.

ענטפערט מייַעטשקע:

— ווייַל איך וויל, אז די ליאלקע זאָל גיין. אז די ליאלקע זאָל גיין וויל איך!

און עס הייבּט זיך ווידער אָן. די מאמע איז אין קאס אפן טאטן דערפאר, וואָס ער טראכט נאָר וועגן זייַנע

ליאלקעס; דער טאטע איז ניט צופרידן מיט דער מאמען. וואָס זי גייט ניט אין קאָנסערוואטאָריע לערנען זיך; די מאמע איז ניט צופרידן מיט דער עלטערער שוועסטער דערפאר, וואָס זי ענדיקט ניט איר בּילד; די עלטערע שוועסטער איז ניט צופרידן מיטן מיטעלען בּרודער דערפאר, וואָס ער לערנט זיך נאָר אפ „בּאפרידיקט“; דער מיטעלער בּרודער איז ניט צופרידן מיט מייַעטשקען דערפאר, וואָס זי וויינט אָפט; מייַעטשקע איז ניט צופרידן פון דער ליאלקע דערפאר, וואָס זי גייט ניט.

אָבּער די שכיינים ווייסן דערפון ניט. אלע שכיינים פלעגן זאָגן:

— ווי פריילעך ס׳איז בּא זיאמען און זלאטען אין שטובּ. וויַיל זיי פלעגן נאָר הערן, ווי זלאטע זינגט. און אז זלאטע נעמט זינגען, פארלעשן אלע שכיינים די פרימוסן, מע הערט אוף האקן די שפענער, מע צעעפנט די פענצטער און מע הערט זיך צו.

און דערנאָך זאָגן זיי:

— ס׳ארא ווילער מענטש אָט דער זיאמע!

— ס׳ארא פייַן קאָל בּא דער זלאטען!

— ס׳ארא שיין מיידעלע די מייַעטשקע איז!

איינמאָל שטייען אלע אוף אינדערפרי, זעט מען, אז אפן טאטן איז אן אנדער פּאָנעם. גאָר ניט דער טאטע פון נעכטן און פון אייערנעכטן. ווי א נייַע הויט וואָלט אפ אים אויסגעוואקסן.

ער איז צוגעגאנגען צו דער מאמען און זאָגט:

— זלאטע, איך האָב געטראַכט און געטראַכט, און סאָף־קאָלסאָף האָב איך זיך באַטראַכט, אַז איך קאָן גאָרניט צוטראַכטן, האָב איך באַשטימט אופהערן טראַכטן.
אָפּגעזאָגט און שמייכלט.
זײַנען בא אַלעמען געוואָרן אַזעלכע אומעטיקע פּנעמ־ער, און די מאַמע זלאַטע האָט געזאָגט:
— זיאַמע, דו האָסט געטראַכט און געטראַכט, מוזטו זיצן און נאָך טראַכטן. אַז מע טראַכט — מוז מען צוטראַכטן.
און דער מיטעלער ברודער, וואָס האָט אויך געהאַלטן, אַז דער טאַטע וועט גאָרניט צוטראַכטן, האָט אויך געזאָגט:
— טאַטע, טראַכט נאָך אַביסל. דו האָסט אַזויפיל גע־טראַכט, טאָ טראַכט נאָך אַ טאָג, נאָך אַ וואָך. טראַכט, טאַטע, טראַכט.
און מײַטעשקע האָט זיך ווידער פאַנאַנדערגעוויינט:
— טראַכט, טאַטע, די ליאַלקע מוז גיין, מוז, מוז, מוז!
— איך קאָן שוין מער ניט טראַכטן, — האָט דער טאַטע געזאָגט, — עס מוז דאָך נעמען אַ סאָף!
נאָר די מאַמע און אַלע קינדער האָבן איצטער דאַפקע געוואָלט, אַז דער טאַטע זאָל טראַכטן. אַזויפיל געטראַכט, דאַרף מען נאָך אַביסל, עפּעס וועט אַרויס, עפּעס מוז אַרויס.
דער טאַטע שמייכלט אַלץ, פירט אַלעמען אַרײַן צו זיך אין צימער און נעמט אַראָפּ דעם צודעק פון זײַן ליאַלקע.
— אַז מע טראַכט, דערטראַכט מען זיך, — זאָגט דער טאַטע. — אַז מע אַרבעט קומט עפּעס אַרויס. אָט איז זי, מײַן



גייענדיקע ליאלקע. קוקט נאָר אָן אָט די שיינהײַט, וואָס איז שענער פון אלע ליאלקעס אפ דער וועלט פון אלע צײַטן און פון אלע לענ־דער.

ער גיט א דריי אָן די ליאלקע, ווי מע דרייט אָן א זייגער, און די ליאלקע נעמט שטעלן טריט. דערנאָך צעעפנט ער די ליאלקע — אינעווייניק זײַנען פאראן שרויפן, פּרוזשינעס און רעדלעך, א גאנצע מאשינעריע אינעווייניק. דערנאָך פארמאכט ער זי צוריק, און די ליאלקע גייט, ווי א מענטש.

א פרייד איז אין שטוב געוואָרן. און די מאמע האָט גענומען באקן לאטקעס, און מײַעטשקע האָט געמיינט, אז ס'איז ווידער א יאָנטעוו, ווי דער ערשטער מײַ. האָט זי אָנ־גטשעפּעט אפ זיך א רויט בענדל. די מאמע האָט געזונגען, און אלע שכיינים זײַנען זיך אָנגעלאָפן. מײַעטשקע האָט געמיינט, אז די ליאלקע וועט זיך שעמען פאר די שכיינים גיין, נאָר זי האָט זיך ניט געשעמט, זי איז העלדיש ארומגע־גאנגען.



מענטשן זײַנען געקומען פון דער צענטער גאס א קוק טאָן אפ דער ליאל־קע. דער מיליציאָנער איז אפילע אראָפּ



כּון פאָסט, א קוק טאָן אפ דער ליאלקע. דערנאָך האָט ער גענומען היטן די אָרדע־נונג אינ שטוב, עס זאָלן זיך ניט אָנלויפן צו פיל מענטשן; דערנאָך איז די ליאלקע ארויס אפן גאס, אראָפּ־א־באַרג, און קוים וואָס מײַעטשקע האָט זי דעריאָגט. אלע מענטשן אינ גאס האָבּן זיך אָפּגעשטעלט און געמאכט איר א וועג. ווען זי איז דורכ די גאס, האָבּן זיך די טראמווײַען אָפּגע־שטעלט, קעדיי ניט איבּערפאָרן זי.

און עס האָט זיך גענומען קערן די וועלט מיטן טאטן. עס זײַנען געקומען כאווײרים פון פאבּ־ריק בּאגריסן דעם טאטן. עס זײַנען געקומען פאָטאָגראפן אראָפּנעמען פון אים א בּילד. דער טאטע האָט געמוזט





גיינ אינ יאָנטעוודיקנ קאָסטיום, ווײַל מע האָט אימ געהאַלטנ אינ איינ אראָפּנעמענ.

דערנאָכ האָט די פאַבריק אײַנגעאָרדנט אינ קלוב אנ אָוונט, ווו מע האָט פּרעמירט דעמ טאַטנ: מיט אַלע לעַנינס ווערק האָט מענ אימ פּרעמירט, מיט א פּאַטעפאָנ אונ מיט נאָכ זיבנ גוטע זאכנ. אונ אינ צײַטונג האָט מענ וועגנ אימ געשריבנ, אז ער האָט אויסגעטראכט א גייענדיקע ליאַלקע, אונ אז זײַנ טעכטערל מײַעטשקע שפּילט זיכ שוינ מיט אזא ליאַלקע, אונ מײַעטשקעס בילד צוזאמענ מיט דער ליאַלקע איז אויכ געווענ אינ צײַטונג. נאָר ניט אַלע שכיי־


ДЕРЖПРОМ
А
ПУШК ЦЕНТР


А
КІЛЬЦЕВА



נים האָבן געקאָנט אפּן בילד דערקענען, ווער איז דאָ מײַעטשקע, און ווער איז דאָ די ליאַלקע.

און איינמאָל איז געקומען א גאנצער קינדער־גאָרטן צוזאמען מיט די לערערקעס א קוק טאָן אף דער ליאַלקע. מײַעטשקע האָט זי געוויזן און געזאָגט, אז דער טאטע וועט מאכן פאר אלע קינדער אזעלכע ליאַלקעס.

איצט גייט שוין דער טאטע ניט ארום פארטראכט, נאָר ער זאָגט, אז אין א כוידעש ארום וועט ער ווידער נעמען טראכטן. ער וויל נאָך — זאָגט ער — צוטראכטן אזא קליי־נעם אווטאָמאָביל פאר דער ליאַלקע, זי זאָל קאָנען ארויס־פאָרן, ווי עס פאסט פאר אזא ליאַלקע.

די מאמע זאָגט:

— אז דער טאטע, ווען ער זאָגט עפּעס, וועט ער עס זיכער אויספילן. ער איז גערעכט. ער האָט מיר שטענדיק געזאָגט, איך זאָל גיין זינגען. הײַנט האָט מען מיך אויס־געהערט, האָט מען מיר געזאָגט, אז בא מיר איז זייער א גוטע שטימע. וועל איך זיך טאקע נעמען לערנען.

די עלטערע שוועסטער זאָגט:

— די מאמע איז גערעכט. מע דארף פארענדיקן מײַן בילד וועגן ווינטער.

זי האָט טאקע פארענדיקט. און אף אן אויסשטעלונג פון קינדערשע געמעלן האָט זי געקראָגן א פרעמיע פארן בילד.

— די עלטערע שוועסטער איז גערעכט, — זאָגט דער מי־טעלער ברודער, — אָט האָב איך הײַנט אָפּגעגעבן אריפמע־טיק אף „גוט“. מע דארף זיך נאָר נעמען, איז שוין אלץ גוט.

מײַעטשקע זאָגט:

— מער וועל איכ שוינ ניט וויינענ. די ליאלקע גייט שוינ.

די מאמע האלט זייער פונעמ טאטנ. די עלטערע שוועסטער פאָלגט דער מאמענ. דער מיטעלער ברודער פארשטייט, אז די שוועסטער ווייסט מער פאר אימ. די ייִנגערע שוועסטער טשעפּעט זיכ ניט צומ מיטעלענ ברודער. מײַעטשקע קריגט זיכ ניט מיטנ ברודער.

די ליאלקע פאָלגט מײַעטשקענ.



## בּעטינקע, בּעטינקע, בּעטינקע!

וואָס ס'איז פאָרגעקומענ מיט בּעטינקענ פאראיאָרנ אינ לאגער, קאָנ מענ דערציילנ אינ פינפ ווערטער: „בּעטיע איז געוואָרנ א מענטש". וויִאזוי דאָס איז אָבער געשענ, וועט, פארשטייט זיכ, אויסקומענ דערציילנ אבּיסל לענגער.

בּעטיע איז פריִער אויכ געווענ א מענטש. מע האָט



אָבער געמיינט, אז אינ בויכ ליגט בא איר א קעצעלע, א הינטעלע אונ א קעלבעלע. וואָרעמ זי פלעגט בילנ, מיאוקענ אונ מעקענ. אונ א מענטש, מעג ער זײַנ דער גרעסטער שטיפער, וויל ער זיכ לערנענ אויכ. אונ בעטיע האָט גאָר־ניט געוואָלט לערנענ. ווי עס וויל זיכ ניט נעמענ ריצנ־אייל, אזוי האָט זי ניט געוואָלט לערנענ.

— בעטיע, פארוואָס ווילסטו זיכ ניט לערנענ? — פלעגט מענ פרעגנ בא איר.

— מיא־או, — פלעגט זי ענטפערנ, אונ די מײַז פונ שאפע

פלעגן זיך צעלויפן. זיי פלעגן מיינען, אז דאָס איז אַן עמעסע קאַץ.

— טאַקע פּאַרוואָס ווילסטו זיך ניט לערנען?

— האַוו, האַוו, האַוו, — פלעגט זי ענטפערן, און אַלע הינט אין הויף פלעגן נעמען בילן.

מע האָט געזאָגט, אַז זי האָט קיין קאָפּ ניט אָפּ די פּליי־צעס, דערפאַר וויל זי זיך ניט לערנען. אָבער ס'איז ניט ריכטיק. א קאָפּ האָט בעטינקע יאָ, נאָר די עלטערן האָבן בעטינקען צעפּעסטעט. זאָגט נאָר בעטינקע „האַוו" — לאַכט די מאַמע; זאָגט זי נאָר „מיאַו" — קוועלט דער טאַטע. טאַטע און מאַמע, וואָס קוועלט איר אַזוי? דערנאָך וועט בעטינקע מיינען, אַז ס'איז א גאַנצע כאָכמע.

קוים וואָס מ'האָט איַינגערעדט די עלטערן, אַז זיי זאָלן זי לאָזן גיין אין לאַגער. זיי מיינען, אַז בעטינקען דאַרף מען וויקלען אין וואַטע און ציטערן איבער איר.

אַז בעטינקע איז געקומען אין לאַגער, האָט מען זי גלייַך אוועקגעשטעלט לעם דער פאָן. דער אָנפירער פון לאַגער האָט גאָר ניט געוווּסט, אַז בעטינקע איז דאָס גאָר ניט ווערט. איז בעטינקע זייער געווען צופרידן, וואָס דאָ ווייסט מען ניט, אַז זי איז אַזאַ און אַזאַ, אַז גאָרנישט קריכט איר ניט אין קאָפּ. הייסט עס, אַז זי קאָן פאַרטומלען די וועלט, הייסט עס.

אָבער די קינדער פון דער שול האָבן געוווּסט. און קלאַרע, אויך א שילערן פון דריטן קלאַס, האָט זיך איין־מאָל אָפּגעזאָגט גיין צוזאַמען מיט בעטינקען פאַרזעצן רויזן



ארום הויז. בעטינקע,— זאָגט זי,— איז א פּוילערקע, זי ווערט גאָרנישט אופּטאָן. האָט בעטינקע גענומען פאַרגיסן טרערן. נאָר קלאַרע איז א גוטע, האָט זי געזאָגט:

— וויין ניט, איך וועל גיין מיט דיר, אויב דו ווערסט נאָר ארבעטן.

האָט בעטינקע אָפּגעווישט די אויגן און געזאָגט:

— ניין, איך וויין ניט. דאָס רינט בא מיר פון די אויגן.

זייַנען זיי אוועק פאַרזעצן בלומען. זאָגט קלאַרע:

— נעם אָט דעם רידל און גראָב אופּעט אביסל די בייט.

זאָגט בעטינקע:

— האוו, האוו, האוו!

זאָגט קלאַרע:

— פאַרוואָס ארבעטסטו גאָרניט?

ענטפערט בעטינקע:

— מיאו!

האָט קלאַרע אליין צעגראָבן די בייט. ביז בעטינקע האָט בא איר געפרעגט:

— קלאַרע, פאַרוואָס וויינסטו?

זאָגט קלאַרע:

— ניין, דאָס האָב איך זיך פאַרמאַטערט, עס רינט בא מיר דער שווייס, און דו שטייסט ווי א פאָרעץ.

פרעגט בעטיע:

— וואָס איז עס א פאָרעץ?

ענטפערט קלאַרע:

— ווייסט ניט, דאַרף מען ניט. אין דעם הויז, ווו מיר

לעבן איצטער, האָט אמאָל געווינט א פּאָרעצ. האָט ער א פינגער אינ א גלאָז קאַלט וואסער ניט געוואָלט איַינטונקען. גאָרנישט ניט געטאָן, אונ די פויערים פלעגנ ארבעטנ אפ אים.

בעטינקע האָט געשוויגנ. דאנ האָט קלאַרע א פרעג געטאָנ:

— פארוואָס ווילסטו ניט ארבעטנ אונ לערנענ זיך?

זאָגט בעטיע:

— אלע קאָנענ אונ איך קאָנ ניט. פארשטייסט? איך קאָנ ניט. פארשטייסט ניט? איך קאָנ ניט. נו, איכקאָניט, איכקאָ־ניט, איכקאָניט!—אזוי שנעל האָט זי עס אָפּגעזאָגט.

— ס׳קאָנ ניט זײַנ!—האָט געזאָגט קלאַרע.

— מיאו!—האָט געענטפערט בעטינקע.

פונדאנענ זײַנענ זיי אוועק אפנ גרויסנ אָוונט, אינ וועלכנ די קינדער אליינ האָבנ אָנטייל גענומענ. איינע א קליי־נינקע, ריוועלע, האָט געזונגענ מיט אזא הויכנ קאָל, אז מע האָט זיך געוווּנדערט: ווּ טוט זיך עס אהינ בא אזא קליי־נינקער אזא גרויס קאָל. מאָדנע!

נאָר דעריקער—בעטינקע האָט אפנ אָוונט געטאנצט. קיינעם וואָלט ניט אײַנגעפאלנ אינ קאָפּ, אז בעטינקע קאָנ אזוי טאנצנ. נאָר אפ בילעטנ צו גיינ. ס׳איז געווענ, וואָס צו זענ.

— אוי, אוי, אוי!

— איַי, איַי, איַי!

— אכ, אכ, אכ!

אזוי האָבן די קינדער געשריִען פון די ערטער, און אַלע האָבן אין דעם טאָג געקליבן קווייטן אין פעלד, האָט מען זי פאַרוואָרפן מיט קווייטן. איין בוקעט האָט מען איר געטראָפן אין פּנים, נאָר קיינער האָט פון דעם ניט געלאַכט. ניטאָ וואָס צו לאַכן, קינדער, פון בעטינקען.

איין קליינינקייט — בעטינקע! אַלע זײַנען געשפּרונגען אַרום איר. בעטינקע, בעטינקע, בעטינקע! בעטינקע — הער, בעטינקע — היר. לאָז דיך נאָר אָנקוקן, בעטינקע. עס קערט די וועלט מיט בעטינקען. אפילו דעם אָנפירער פון לאַגער איז געפעלן געוואָרן ווי זי טאַנצט, נאָר פונדעסטוועגן האָט ער אין אַ פּאָר טעג אַרום געפרעגט:

— פאַרוואָס ווילסטו זיך אָבער, בעטינקע, ניט לערנען?

קאָנטיק, אַז מע האָט אים שוין דערציילט. בעטינקע האָט ניט געענטפערט: „מיאו!״ זי איז דאָך אַ באַלערינע, און ס׳איז דאָך ניט געזען געוואָרן, אַז באַלערינעס זאָלן מיאוקען און ניט קאָנען האַלטן זיך. אָבער זי האָט געענטפערט:

— איך קאָן ניט, אַלע קאָנען און איך קאָן ניט.

— ס׳קאָן ניט זײַן! — האָט געענטפערט דער אָנפירער פון לאַגער.

— ס׳קאָן ניט זײַן! — האָט אויך געזאָגט קלאַרע.

— און פאַרוואָס קאָנסטו ניט טאַנצן? — אזוי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן בעטינקע צו קלאַרען. — אַלץ קאָנסטו. ביסט די גרעסטע קענערקע, און טאַנצן קאָנסטו ניט. אהא!

נאָר קלאַרע זאָגט:

— אַז מע וויל נאָר, קאָן מען אַלץ דערגרייכן. ווייסט



וואָס? קום מיט מיר, בעטינקע, אין וועלדל, קיינער זאָל ניט זען, מע זאָל ניט לאַכן פון מיר, וועסטו מיר ווײַזן, ווי צו טאַנצן.

קיין שלעכטע איז זי ניט, בעטינקע. זי האָט געוויזן. די ערשטע צײַט האָט קלאַרע געטאַנצט ווי אַ בער. זייער שווער. און דערנאָך איז אַוועק בעסער. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט זי שוין געקאָנט נישקאָשעדיק טאַנצן.

דאַן האָט ריוועלע די זינגערקע געזאָגט:

— זעט נאָר, זעט, קלאַרע קאָן שוין אויך טאַנצן. מע דאַרף זיך אויך אויסלערנען. און גענומען זיך לערנען.
דאַן האָט ראָזקע געזאָגט:
— זע נאָר, ריוועלע קאָן שוין אויך טאַנצן! מע דאַרף זיך אויך אויסלערנען!
— זעט נאָר, ראָזקע קאָן שוין אויך טאַנצן!
— זעט נאָר, דער גאַנצער ערשטער צימער טאַנצט שוין!
— גיט נאָר א קוק, אַלע קינדער פון לאַגער טאַנצן! א כּיִעס צו קוקן.
קומען די מאַמעס און קוויקן זיך:
— מיר דערקענען גאָרניט אונדזערע קינדער. ס'איז דאָך א פאַרגעניגן צו זען. זעט נאָר, ס'אַרא גרינגע פיסלעך ס'באַ זיי געוואָרן, ווי די פּילקעס שפּרינגען זיי אָפּ פון דער ערד.
אַלע, אַלע טאַנצן. עמעס, בעטינקע טאַנצט א האָרעלע בעסער, א קאַפּעלע שענער, אָבער טאַקע מער ניט, ווי א האָרעלע.
אז קלאַרע האָט שוין גוט געקאָנט טאַנצן, האָט זי גע־פרעגט בא בעטינקען:
— פאַרוואָס ווילסטו זיך ניט לערנען?
האָט בעטינקע געוואָלט זאָגן „איך קאָן ניט”; געוואָלט זאָגן „פאַרוואָס קאָנסטו ניט טאַנצן”? — האָט זי א קער גע־טאָן די אויגן צום פעלד. ערשט אַלע קינדער טאַנצן אנט־קעגן דער זון. ווי די פּילקעס, שפּרינגען זיי אנטקעגן דער זון. און לייכט זייַנען זיי אָפּ די פיס, אז ס'דאַכט, אָט, אָט וועלן זיי נעמען פליִען אינדערלופטן.



אונ קלארע שטייט לעבנ בעטינקענ אונ טאנצט אויכ. אונ דער אָנפירער פונ לאגער טאנצט אויכ. אזעלכע לאנגע פיס, אונ ער קאָנ אויכ טאנצנ. אונ אָט איז ער צוגעגאנ־גענ צו בעטינקענ אונ געזאָגט:

— זעסטו, אלע קאָנענ טאנצנ. אונ דו קאָנסט ניט.

האָט בעטינקע א געשריי געטאָנ:

— איך קאָן בעסער פון אלעמען!

האָט געזאָגט דער אָנפירער פון לאגער:

— דאָס יאָ. אָבער לערנען זיך ווילסטו ניט, אָבער ארבעטן ווילסטו ניט. און אז דו ווערסט נאָר וועלן, ווערסטו קאָנען.

בעטינקע האָט גאָרנישט ניט געענטפערט, ניט „יאָ" און ניט „ניין". אָבער, אז ער האָט זיך אָפּגעקערט, האָט זי געזאָגט צו זיך אליין:

— מע דארף זיך נעמען, בעטינקע! גיב מיר א וואָרט, אז דו ווערסט ווערן א מענטש, בעטינקע! און זי האָט זיך אליין געגעבן א וואָרט. און זי וועט דאָס אויספילן. וואָס־וואָס, קיין ליגנערן איז זי ניט.

האיאָר אין פערטן קלאס איז זי נאָך ניט קיין בעסטע שלאָגלערן, אָבער אף „באפרידיקט" לערנט זי זיך. אף מאָלן און פיזקולטור האָט זי אפילע „גוט". מאלע וואָס ריוועלע זאָגט, אז דאָס זײַנען ניט קיין וויכטיקע געגנשטאנדן. ס'איז אויך א זאך.

אינדערהיים האָבן זיך אין שאפע ווידער גענומען ווײַזן מײַז, ווײַל בעטינקע האָט אופגעהערט מיאוקען. נו, האָט מען געקראָגן אן עמעסע קאץ. דאָס אלץ.

# אינהאלט

א לעבעדיק גזוינדל . . . . . . . . 3
בעטינקע, בעטינקע, בעטינקע . . . . . . 16

Одобнліт № 1794. Уповнов. Головліту № 8640. Замовл. № 1403. Тир. 3000. Формат паперу 72 x 94 1/16. 1 3/4 друк. арк. + 1/4 арк. вклейок, 0,97 облік. авт. арк. Здано на виробництво 15-IX 36 р. Підписано до друку 15-VI 37 р.
Чергове видання № 97.

---

Друкарня ім. Леніна, Одеса, Пушкінська, 18.

פרײַז 50 קאָפּ.



Е. КАГАН

# ОПОВІДАННЯ

ДИТВИДАВ ЦК ЛКСМУ